לזכות

התמים **שלום דובער** בן הני' שיחי'

לאויוש"ט

ליום הולדתו

כ"ב מרחשון

•

לשנת ברכה והצלחה בכל

**לחיזוק ההתקשרות לכ"ק אדמו"ר מה"מ**

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## וירא - כ' מ"ח

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וששים לבריאה

# וירא

## כ׳ מר־חשון

א. בקשר מיט כ׳ מרחשון — דער יום הולדת פון כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע[1] — האָט כ״ק מו״ח אדמו״ר דער־ציילט[2] אַ סיפור פון בעל יום הולדת, וואָס האָט פּאַסירט ווען ער איז געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר, בשבת פ׳ וירא.

דער רבי נ״ע איז אַריין צו זיין זיידן כ״ק אדמו״ר הצ״צ (צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט זיין יום הולדת) און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, זאָגנדיק: פאַרוואָס האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן צו אברהם אבינו און צו אונז (אים) באַווייזט ער זיך ניט?

האָט אים דער צ״צ געענטפערט: אַז אַ איד אַ צדיק[3], צו ניין און ניינציק יאָר, איז מחליט אַז ער דאַרף זיך מל זיין, איז ער ווערט אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַוויזן צו אים.

ב. מ׳האָט שוין גערעדט כמה פע־מים[4] וועגן די הוראות אין עבודת ה׳ וואָס מ׳קען אַרויסנעמען פון דעם דאָזיקן סיפור — ווי אַלע סיפורי רבו־תינו נשיאינו וועלכע זיינען צו אונז דערגאַנגען (ובפרט די וואָס זיי אַליין האָבן מפרסם געווען), וואָס אַנטהאַלטן הוראות לכאו״א. וועט מען זיך אָפּ־שטעלן איצט אויף נאָך אַ נקודה אין דעם סיפור.

כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט מדייק געווען ביים דערציילן דעם סיפור, אַז דער בעל יום הולדת איז דאַן געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר. און וויבאַלד אַז דער דיבור פון אַ נשיא בישראל — ובפרט וואָס ער רעדט ברבים און הייסט דערנאָך אָפּדרוקן — איז זיכער אויס־גערעכנט און מדוייק בתכלית[5], דאַרף מען זאָגן, אַז אויך דער פּרט פונעם סיפור איז ניט נאָר צו אַרויסברענגען די גדלות פון רבי׳ן נ״ע,

[אַז אפילו גאָר בקטנותו האָט אים געאַרט פאַרוואָס דער אויבערשטער באַ־ווייזט זיך ניט צו אים, און דאָס האָט אים אַזויפיל דערנומען, ביז ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט]

נאָר דאָס איז אויך אַ הוראה בעבודת ה׳ לכאו״א.

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אע״פ וואָס דער סיפור אַנטהאַלט כו״כ הוראות לכל או״א (כנ״ל), איז אָבער אַ עיקר הוראה (אויך) פאַר די וואָס זיינען אין דעם גיל פון בן ד׳ או בן ה׳,

און ניט נאָר צו אַ גדול בשנים וואָס איז במצבו הרוחני ווי אַ קטן בן ד׳ או בן ה׳[6], שלא הגיע ל(שלימות ה)חינוך[7] — ד.ה. אַזאַ וואָס האָט אויף אַזויפיל קיין דעת ניט, אַז ניט נאָר וואָס ער (מצד עצמו) פאַרשטייט ניט, נאָר ער קען אויך

1) שנת כתר״א. תולדותיו בפרטיות — ראה ״חנוך לנער״. ס׳ התולדות אדמו״ר מהורש״ב (קה״ת תשל״ב). וראה לקמן ע׳ 137 הערה הראשונה.

2) ש״פ וירא, כ״ף מרחשון, תרצ״ג. נדפס בהיום יום ע׳ קג (בקיצור). לקו״ש ח״א פ׳ וירא. ח״ה כ׳ מרחשון. שם ע׳ 321.

3) ראה לקו״ש הנ״ל — ב׳ הנוסחאות שבזה (נת׳ בלקו״ש ח״ה שם).

4) לקו״ש הנ״ל. ועוד.

5) להעיר מפיה״מ להרמב״ם אבות פ״א מי״ז.

6) ראה בכ״ז בארוכה לקו״ש ח״א שם (ע׳ 24).

7) ראה לקמן בפנים סעיף ד ובהערה 16, 17.





ועוד והוא העיקר:

נוסף על המבואר לעיל שקיימת מציאותו של משיח בניצוץ משיח (בחי׳ היחידה) שבכאו״א מישראל, קיימת גם מציאותו של משיח כפשוטו (יחידה הכללית) — כידוע ש״בכל דור ודור נולד א׳ מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח לישראל״[9], ״א׳ הראוי מצדקתו להיות גואל, ולכשיגיע הזמן יגלה אליו השי״ת וישלחו כו׳״[10], ואילו לא היו מתערבים ענינים בלתי רצויים המונעים ומעכבים כו׳, הי׳ מתגלה ובא בפועל ממש.

ועפ״י הודעת כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, משיח[11] שבדורנו, שכבר נסתיימו ונשלמו כל עניני העבודה ועומדים מוכנים לקבלת פני משיח צדקנו, הרי, בימינו אלו נתבטלו כל המניעות והעיכובים כו׳, וכיון שכן, ישנה (לא רק המציאות דמשיח, אלא) גם ההתגלות דמשיח, ועכשיו צריכים רק לקבל פני משיח צדקנו בפועל ממש!

. . . וכיון שכן, מובן, שכל הענינים וכל הפעולות חדורים בעניני משיח וגאולה, כולל גם באכילתו ושתייתו, שמשתוקק לסעודה דלויתן ושור הבר ויין המשומר, עד כדי כך שגם לאחרי הסעודה נשאר רעב לסעודה דלויתן ושור הבר ויין המשומר, ובמילא, טוען להקב״ה שאינו יכול לקיים המצוה ד״ואכלת ושבעת וברכת״[12] לאמיתתה עד שהקב״ה יושיבנו על שולחנו להסעודה דלעתיד לבוא.

(משיחות ש״פ וירא, ח״י מר־חשון תשנ״ב)

9) פי׳ הברטנורא למגילת רות.

10) ראה שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע׳ האל״ף כלל ע׳. ועוד.

11) יחידה הכללית, שמאירה ומתגלה בנשמתו של נשיא הדור, שכולל את כל נש״י שבדור (ראה ד״ה פדה בשלום בשערי תשובה לאדהאמ״צ פ״ב).

12) עקב ח, י״ד.

# מז.

פעולתו של אדנ"ע ביסוד ישיבת תומכי תמימים — כמבואר בשיחתו הידועה[1] בענין „כל היוצא למלחמת בית דוד", שתלמידי תומכי תמימים הם „חיילי בית דוד" שיוצאים למלחמת בית דוד נגד אלו „אשר חרפו עקבות משיחך"[2], ובלשון הרמב"ם בהלכות מלכים ומלחמות ומלך המשיח[3]: „ילחם מלחמות ה'" עד ש„נצח", כמרומז גם בהמשך הכתובים ד„אשר חרפו עקבות משיחך" — „ברוך ה' לעולם אמן ואמן"[4], ש„אמן" (ועאכו"כ ב"פ אמן) מורה על הנצחון במלחמה[5], שעי"ז נעשה ביאת וגילוי דוד מלכא משיחא בפועל ממש.

ובהדגשה יתירה בדורנו זה — דור השלישי לאדנ"ע ולתלמידיו חיילי בית דוד, שבו מסתיימת ונשלמת עבודתם של חיילי בית דוד להביא את הגאולה בפועל ממש ע"י דוד מלכא משיחא, וכדברי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בחיים חיותו בעלמא דין שכבר נסתיימה ונשלמה כל העבודה, ועומדים מוכנים לקבלת דוד מלכא משיחא, ועאכו"כ לאחרי המשך העבודה באופן ש„נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[6].

ובדורנו זה נמצאים כבר בשנת הצדי"ק — לאחרי סיום שנת הפ"ט, הקשורה עם מזמור הפ"ט, שסיומו וחותמו „אשר חרפו עקבות משיחך", „ברוך ה' לעולם אמן ואמן", גמר הנצחון דמלחמת בית דוד, ומתחילה התקופה השייכת למזמור צדי"ק, שסיומו וחותמו „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו' ומעשה ידינו כוננהו", דקאי על בית המקדש דלעתיד[7], „מקדש אדנ-י כוננו ידיך"[8].

* * *

1) שיחת שמח"ת תרס"א — לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. ס' השיחות תש"ב ס"ע 141 ואילך.

2) תהלים פט, נב.

3) ספי"א.

4) שם, נג.

5) ראה נזיר בסופה. וש"נ.

6) תבוא כט, ג.

7) מדרש תהלים עה"פ.

8) בשלח טו, יז.





ניט אויפנעמען השפעה פון א צווייטן — אז אויך ער קען מאנען, און מיט אן אינערלעכן תוקף [בדוגמת ענין הבכי', וואס ווייזט אז די זאך רירט אים אן מיט א תוקף העכער פון זיין מדידה והגבלה], אז דער אויבערשטער זאל זיך צו אים באווייזן, ביז — ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו[8]

[והטעם — וויבאלד אז אברהם אבינו איז פון די ג' אבות — של כאו"א מבנ"י שבכל הדורות — איז ביי יעדן אידן (ביי יעדן איינעם פון די בנים) דא בירושה די ענינים וואס זיינען געווען ביי די אבות[9]],

נאר (בעיקר) צו א קטן בן ד' או בן ה' כפשוטו, אז אויך אים קען מען מחנך זיין באופן כזה, אז ער זאל מאנען בתוקף, עד כדי בכי', אז דער אויבערשטער זאל זיך צו אים באווייזן ווי צו אברהם אבינו.

ג. לכאורה קען מען פרעגן: וואס פאר א דמיון און פארגלייך איז דא צווישן דעם רבי'ן נ"ע און יעדן אידישן קינד?

דער רבי נ"ע, זייענדיק א קדוש מבטן, נשיא בן נשיא, איז שוין בקטנותו גע־ווען אין אים ניכר א מעין פון זיין שפעטערדיקער גדלות (כמרז"ל[10] „בוצין בוצין מקטפי' ידיע"), ומובן אז שוין דאן איז ער געווען מער בר דעת ווי אנ־דערע ואפילו גדולים — היינט ווי קען מען פון אים אפלערנען בנוגע דעם חינוך פון יעדן אידישן קינד, דער „שיעור החינוך" איז דאך „בכל תינוק לפי חריפותו וידיעתו"[11]?

ואע"פ אז ס'איז ברור, כנ"ל, אז דער תוכן הסיפור איז שייך (ניט נאר צו א נשיא בישראל, נאר) אויך צו כאו"א — ווארום, ווי גערעדט פריער, פון דעם גופא וואס מ'האט דעם סיפור דער־ציילט ברבים און דערנאך אפגעדרוקט, איז א ראי', אז דאס איז ניט פון די עניני הנשיא וואס „משכמו ומעלה גבוה מכל העם"[12], נאר פון זיינע ענינים צו וועל־כע יעדערער מכל העם האט א שייכות —

איז אבער געווען צו זאגן, לכאורה, אז דאס איז א הוראה פאר גדולים בשנים (ביז אפילו צו די וואס ברוחניות העניינים לא הגיעו לשלימות החינוך, כנ"ל) — פארוואס דארף מען זאגן אז דאס איז שייך (אויך) צו א קטן כפשוטו (בשנים)?

ד. ווערט מען דאס פארשטיין בהקדים וואס מען געפינט כו"כ שיעורים בענין החינוך. כאטש אז „שיעור החינוך .. הוא בכל תינוק לפי חריפותו וידיעתו" כנ"ל — זיינען אבער דא כמה ענינים וואס מ'פארבינדט מיט א גיל מסויים[13], ביז צום דין כללי, אז „בציר מבר שית לא תקביל, בר שית קביל וספי

8) ראה לקו"ש שם (ע' 24 ואילך).

9) תו"א ר"פ וארא. וראה לקו"ש חט"ז ע' 52-3 — בביאור פרש"י (ר"פ וארא) „וארא, אל האבות" — שיש יתרון בענין ד„וארא אל האבות" (שזה כולל ה„וירא אליו ה'") לגבי בחי' הפרטיות של האבות (אברהם — חסד, וכו') — כי כל הענין ד„וארא" זה הוא רק להיות „(אל) האבות", ולכן ישנו ענין זה אצל כאו"א מישראל (הבנים, היורשים) באותה הדרגא כמו"ש אצל האבות (המוריש) [משא"כ בזה שמורישים האבות לכאו"א מבנ"י מבחי' הפרטית, יש חילוק בין האבות והבנים], ע"ש.

10) ברכות מח, רע"א.

11) שו"ע אדה"ז או"ח סשמ"ג ס"ג.

12) ש"א ט, ב. וידוע הביאור (אוה"ת וירא (כרך ד') תשסד, ב. ועוד) דאפילו „שכמו" גבוה מכל העם (כולל הראש של כאו"א).

13) ראה לדוגמא (נוסף על הבא לקמן) — עירובין רפ"ח (לענין עירובין וסוכה). הנסמן לקמן הערה 17.

לי' כתורא"[14] — אז דער לימוד התורה מיט א קטן איז אן אופן פון „ספי לי' כתורא"[15] [וואס דאס ברענגט צו א הע־כערע שלימות בחינוך בכלל[16], כמובן] הויבט זיך אן ערשט ביי „בר שית"[17].

און הגם אז אויך אין דעם ענין זאגט מען אז דאס איז תלוי אין „כח הבן ובנין גופו"[18] (און בא א „כחוש" ווארט מען ביז „כבן שבע"[19]) — איז אבער „בציר מבר שית לא תקבילי"[20], אפילו אויב ער איז א שטארקער קינד[21], נאך מער ווי אן אנדערער וואס איז שוין „כבן שבע".

14) כתובות נ, א. ב"ב כא, א. וראה רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ו. פ"ב ה"ב. טושו"ע יו"ד סרמ"ה ס"ה (וראה לקמן הערה 31 בדעת השו"ע). הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ס"א.

15) משא"כ „לגלגל" שמתחיל מבן חמש כדתנן באבות (ספ"ה) בן חמש למקרא (תוד"ה וספי לי' — כתובות שם. ב"ח שם. קו"א להל' ת"ת שם קרוב לסופו). וראה לקמן הערה 31 בשוה"ג.

16) ראה רש"י ב"ב שם, דאספי לי' כתורא היינו ש„האכילהו .. תורה בעל כרחו כשור .. עול על צוארו", והיינו שאז מתחיל החינוך לעול מצות (כבן י"ג שנה).

17) להעיר ג"כ דגבי נטי' „פחות מבן שש .. (ש)דינו כקוף לפי שאין בו דעת כלל ואין כוונתו כוונה" (שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ט ס"כ. מב"י (ד"ה וקוף) ורמ"א שם סי"א) *: שיעור הכי פחות דפעוטות שמקחן מקח כו' — אף שהוא „כל חד וחד לפי חורפי'" — הוא „כבר שית" (גיטין נט, א. רמב"ם הל' מכירה פכ"ט ה"ו. טושו"ע חו"מ ר"ס רלה).

18) לשון הרמב"ם הל' ת"ת פ"ב שם. ועד"ז בפ"א שם. טור יו"ד שם. הל' ת"ת לאדה"ז שם.

19) תוד"ה כבן שש כבן שבע ב"ב שם. רמב"ם, טור, שו"ע (וש"ך) והל' ת"ת לאדה"ז שם.

20) וצע"ק בהל' ת"ת לאדה"ז שם, שלא הביא השלילה (כברמב"ם פ"ב שם. טור שם. שו"ע שם ס"ח) ד„בפחות מכאן אין מכניסין אותו".

21) ראה לקמן הערה 31 ובשוה"ג שם.

*) וגם להדיעה שגם פחות מבן שש כשר, הוא (לא לפי שיש לו (קצת) דעת, כ"א) מפני שנטי' א"צ כוונה (ראה ב"י שם. ועייג"כ שו"ע אדה"ז הל' שחיטה ס"ב קו"א סק"א)

דאס הייסט, אז דער שיעור פון „בר שית" בנוגע צום ענין פון „ספי לי' כתורא" — שלימות החינוך — איז ניט תלוי אין דעת וכח הקטן; ס'איז ע"ד פון שיעור „בן י"ג למצות"[22], אז אפילו ווען עס זאל זיין א קטן א בר דעת[23] גדול ביותר, נאך מער ווי א צווייטער וואס איז שוין א גדול בשנים[24], איז ער פטור פון מצות (מה"ת), ער ווערט ניט נצטרף צו א מנין, וכו'.

ה. די הסברה אין דעם איז פאר־בונדן מיטן אויפטו פון מ"ת אין דער עבודה אין תומ"צ לפני מ"ת:

די מצות (ועבודה) פאר מ"ת האבן דערלאנגט ביז אין שרש הנבראים[25], און דערפאר איז אין דערויף געווען נוגע נאר די שלימות האדם (הנברא) בעבודתו ית' (וואס דורך דעם האט ער ממשיך געווען אלקות משרשו דהנברא ומקורו); אבער ס'איז ניט געווען אזוי־פיל נוגע אין וועלכן אופן (מיט וואס פאר א גשמי, וכיו"ב) ער טוט די עבודה ומצוה[26]. וואס דערפאר האט יעקב אבינו אויפגעטאן די המשכה שע"י תפילין דורך זיין עבודה מיט די „מקלות", כמבואר בזוהר[27].

22) אבות ספ"ה.

23) ולא רק חריף ובעל השגה כו' — ראה קונטרס התפלה פ"ה. סה"מ עת"ר ע' קטו. המשך תער"ב ח"ג ע' א'רכז.

24) כי גם להדיעה שהשיעור דבן י"ג למצות נלמד מזה שנק' „איש", שלדיעה זו הו"ע שבטבע, שבן י"ג נעשה גדול בשכל ודיעה (ראה בכ"ז לקו"ש ח"ה ע' 421. ח"י ע' 71. לקמן ע' 291). וש"נ) — הו"ז רק רוב בנ"א, והמיעוט נגרר אחרי הרוב. וראה לקמן הערה 29.

25) ראה ס' הערכים־חב"ד ע' אבות ס"ג, וש"נ.

26) ראה ד"ה זכור תרס"ה פ"ט (סה"מ תרס"ה ע' רכ־כא). ועוד. לקו"ש ח"ג ע' 888. ח"ה ע' 327. וראה ס' הערכים שם ס"ד.

27) ח"א קסב, א. וראה תו"א כג, ג.





צוקומען צו אלקות. דע את אלקי אביך וכו'. איז אויב זיי צודרייען די דרכים און עס קומט ניט ארויס דער תכלית המכוון — בלייבט דאך דער צונעמען דעם געשמאק וכו' אן דעם פועל יוצא...

ז. עס שטייט בשיחה פון רבי'ן[8] אז א חסידות'ער פארברענגען איז אן ענין פון ריח, בעת מעשה גיט מען א שמעק, דער איז צופרידן וואס ער האט געהערט א גוט ווארט, דער איז צופרידן וואס מ'האט אראפגענומען א קשיא. אבער דערנאך לפועל בלייבט ניט. די כוונה איז אבער עס זאל ניט בלייבן ביי ריח — עס מוז און זאל קומען צו אכילה ושתי'.

עס איז באלד שוין צוויי אזייגער, וועט מען אוועק גיין עסן טשאלענט און מ'וועט פארגעסן אויף דעם וואס מ'האט גערעדט. סעודת שבת איז דאך ניט מגשם, אויף יו"ט שטייט פרש חגיכם, אבער שבת איז דאך ולא פרש שבתכם[9], דערצו איז דאס דאך א מצוה, קען מען זיך אינגאנצן פארטאן אין דעם. ודוקא בהידור וכל' הרמב"ם[10] תבשיל שמן ומשקה מבושם וע"פ המדרש[11] הרי כל עסקא דשבתא כפול. דער רבי האט אמאל דערציילט אז עס איז געווען א מנהג שבת עסן צוויי סארטן פיש, צוויי סארטן פלייש וכו'. האט ער א ראי' ע"פ נגלה, פסק הרמב"ם, א ווארט פון רבי'ן — אבער אעפ"כ קען אויך הידור האבן א שיעור. ובפרט איז כדאי צו פארגלייכן מיט'ן הידור במצות שאין הגוף נהנה מהן, אדער גאר מצטער בהן.

ח. עס איז אנגעקומען א העתק שיחה פון א"י (די שיחה איז געווען אין רוסלאנד), שטייט ז'ארטן אז דער רבי האט געזאגט וועגן דער גאולה שלימה, אז דאס וועט זיין בימיו. איז — אז יעדערער וועט זיך מצייר זיין וואס דער רבי וואלט אים געהייסן טאן און ער וועט עס טאן — וועט אונז דער רבי פירן בעגלא דידן צו דער גאולה שלימה. און די פאר חדשים וועלן ניט זיין קיין הפסק, ווארום דאס איז אלץ ווען ער איז שופט את ישראל, וע"ד מרז"ל[12] אז יראים ממנו איז דאס והוא שפט את ישראל.

(משיחת ש"פ חיי שרה מבה"ח כסלו, ה'תשי"א)

8) קונ' פה (נדפס בסה"מ ה'תשי"א) ע' 102.

9) תורה אור דפרשה זו בביאור.

10) הל' שבת פ"ל ה"ז.

11) תהלים צב.

12) ילי"ש שופטים רמז עב.

וויבאַלד אַז ער בעט חשק וועט מען אים געבן, ע״ד ווי דער מצודת זאָגט (דער רבי האָט זייער געהאַלטן פון דעם מצודת — איך ווייס ניט מצד וועלכע סיבה — ער האָט אויך דערציילט אַז דער שיעור תהלים פלעגט מען אַמאָל לערנען עם פי׳ המצודת) אויף דעם פסוק ומשביע לכל חי רצון, לפי רצונו ותאותו, לכאורה, נאָך וואָס דאַרף ער צולייגן דעם וואָרט ותאותו, נאָר דער אויבערשטער איז אַ טוב ומטיב און גיט נאָך ביז אפילו לתאותו, און אַז ער וויל חשק וועט מען אים געבן חשק, אַבי ער זאָל לערנען, ע״ד ווי עס רעדט זיך אין דעם מאמר פון י״ט כסלו תש״ח[5] אַז אויף אַרויסגיין פון רע, איז ניט נוגע ווי אַזוי, אַבי ער זאָל אַרויסגיין פון רע.

אויב עס וועט אַזוי אַדורך גיין אַ חודש, צוויי, און אַ האַלב יאָר און ער וועט לערנען מיט חשק, וועט אים דאָך פעלן דער ענין היגיעה בקב״ע — איז וועט ביי אים זיין ע״ד הסיפור הנ״ל של הצ״צ אַז ער האָט זיך געקלאָגט וואָס ער האָט חשק.

ה. ביותר טראָגן די אחריות די תלמידי ארץ ישראל ת״ו. ע״פ דין טאָר מען ניט אַרויספאָרן פון ארץ ישראל סיידן צוליב צוויי זאַכן: וואָס איינע פון זיי איז ת״ת[6]. דער רבי האָט אויף זיך גענומען די אחריות, און געהייסן די בחורים לצאת מארץ ישראל. פאַרוואָס — צוליב ת״ת. איז אויב דאָס וועט פעלן ח״ו — קומט דאָך אויס אַז דער רשיון להיציאה פון דאָרט איז ניט אויסגעהאַלטן עפ״י דין.

ו. דאָס איז אַ אחריות מיוחדת ביי די תלמידים פון א״י. עס איז דאָ אַ אחריות השווה לכל, ניט נאָר די תלמידים מא״י וחו״ל, נאָר אַלע דעם רבי׳נס מקושרים, ובפרט תלמידים ובפרטי פרטיות תלמידי התמימים. וואָרום דער רבי האָט גענומען אויף זיך דעם צונעמען ביי זיי דעם געשמאַק פון גשמיות.

ווען מען האָט אַרעסטירט דעם אַלטן רבי׳ן איז צום אָנהויב האָט ער זיך פאַרבאַהאַלטן, און האָט געזאָגט דעם טעם לקיים מש״נ[6*] חבי כמעט רגע עד יעבור זעם, ווען מען איז געקומען נאָך אַמאָל אַרעסטירן האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי ר׳ שמואל מונקעש, האָט ר׳ שמואל מונקעש געזאָגט אַז ער זאָל גיין, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט ס׳איז דאָך אַ סכנה? האָט הר״ש געענט־פערט: ממה נפשך, זייט איר אַ רבי — וועט אייך ניט שאַטן, אויב ניט — איז ווי אַזוי האָט איר צוגענומען פון טויזנטער אידן דעם געשמאַק אין גשמיות[7].

דער רבי האָט דאָך צוגענומען — אַדער עכ״פ ממעט געווען — ביי טויזנטער אידן דעם געשמאַק אין גשמיות. צוליב וואָס? כדי זיי זאָלן קענען

5) ד״ה ויחלום קונ׳ נב (נדפס בסה״מ תש״ח).
6) רמב״ם הל׳ מלכים פ״ה ה״ט.
6*) ישעי׳ כו, כ.
7) ויש להעיר יסוד לזה ממרז״ל — עירובין סג, ב — כל הישן בקילעא כו׳.





משא״כ די עבודה פון תומ״צ נאָך מ״ת איז ממשיך פון מאציל ב״ה שלמעלה משרש הנבראים. וואָס די המשכה קען אַ נברא ניט אויפטאָן מצד עצמו, נאָר ווייל אַזוי האָט דער מאציל אויסגעשטעלט, אַז ווען מ׳טוט מצוה פלונית וועט די המשכה פון מאציל למטה. ובמילא וועט די המשכה אויפגעטאָן דוקא ווען די מצוה וועט געטאָן בדיוק לויט די מדידות[28] ושיעורים וואָס זיינען געגעבן געוואָרן מלמעלה (ביי מ״ת).

[וי״ל אַז אויך איצטער, ווען עס זאָל זיין אַ צדיק ווי יעקב אבינו, קען ער אויפטאָן דורך „מקלות״ ווי יעקב האָט אויפגעטאָן — אָבער דאָס איז נאָר אַ המשכה פון שרש הנבראים (לויט דעם גודל העבודה פון דעם צדיק), ס׳איז אָבער ניטאָ אין דעם המשכת המאציל, וואָס דאָס איז די עבודה פון נאָך מ״ת].

ועד״ז איז בנוגע די שיעורים פון זמן החיוב: דאָס וואָס עס קען זיין אַ קטן אַ בר דעת גדול יותר ווי אַ גדול בשנים, איז דאָס נאָר בנוגע שלימות שלו (של הנברא)[29]; בנוגע אָבער די ענינים פון מ״ת — המשכת המאציל — איז דאָ אַ מדידה מלמעלה, אַז דאָס הויבט זיך אָן ערשט ביים עלטער פון י״ג שנה[30]; ועד״ז בענין החינוך — אַז שלימות החינוך (באופן פון „ספי לי׳ כתורא״) איז פון בר שית.

וא״ו. דערפון איז אויך פאַרשטאַנ־דיק בעניננו, וויבאַלד אַז דער רבי נ״ע איז דאַן געווען „בציר מבר שית״, איז ניט קוקנדיק אויף זיין גדלות אין דעת וכו׳ שוין אין יענעם עלטער — איז ער אָבער נאָך אַלץ (בנוגע להענינים דמ״ת) געווען אין אַ דרגא פון „בציר מבר שית״ וואָס לא הגיע לשלימות החינוך[31].

און היות אַז ביים מפרסם זיין דעם סיפור הנ״ל — וואָס באַווייזט אַז ס׳איז ניט קיין ענין מיוחד פאַר נשיאי ישראל כנ״ל — האָט דער רבי מדייק געווען צו דערציילן אויך דעם פרט, אַז דער רבי נ״ע איז געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר, איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז שייך צו יעדן אידיש קינד וואָס איז „בציר מבר שית״, וויבאַלד אַז ע״פ דער מדידה פון תורת אמת, איז ער אין דעם זעלבן סוג ודרגת החינוך.

ז. ע״פ הנ״ל — אַז מיטן מפרסם זיין דעם סיפור, איז דער רבי געווען אויסן אַ הוראה אין דעם חינוך פון אַ קטן כפשוטו — וועט מען אויך פאַרשטיין ווי אין דעם סיפור ליגט (ניט סתם אַ הוראה אין עבודת ה׳, ביז אפילו פאַר קטנים, נאָר) אַ חידוש עיקרי בנוגע דעם אופן החינוך:

28) כידוע בענין המדידה דתורה ומצוות (ד״ה והוא כחתן תרנ״ז פ״ה ואילך. המשך תרס״ו ע׳ נב ואילך. ועוד).
29) להעיר מדעת החת״ס (שו״ת יו״ד סשי״ז) שגבי ב״נ השיעור של גדלות (גם עתה) תלוי בכ״א כפי שכלו ודעתו.
30) להעיר מספר השיחות תש״ה ע׳ 2.

31) בשו״ע יו״ד שם סעיף ח: „מכניסים התינוקות .. בן חמש שנים שלימות״ (ו„בן שש״ (שברמב״ם שם) „היינו בן חמש שנכנס בשנת שש״ *) — ביי שם ד״ה ומ״ש בפחות. כסו״מ הל׳ ת״ת פ״ב שם) — והרי בנדו״ד הי׳ כ״ק אדנ״ע „בן ד׳ או ה׳״. אבל ראה ב״ח שם (ד״ה מכניסין) דסתימת הלשון „כבן שש כבן שבע״ משמע דשלימות בעינן. וכ״ה דעת אדה״ז בהל׳ ת״ת שם („בן שש .. שלימות״), כמו שהאריך בקו״א שם (קרוב לסופו).

*) מתאים למשנה בן ה׳ למקרא ובתודה״ה בבציר כ״ב שם (הובא בב״י שם) מפרש — ע״פ כתובות שם .כל המכנים אח בנו פחות מבן שש כו׳ הא דבריא״ — דבן ה׳ למקרא בבריא לגמרי (ובש״ך שם סק״ג משמע שמפרש כן דעת השו״ע).
אבל ברמב״ם וטור (ואדה״ז) לא חילקו בין בריא לבריא (ראה ב״ח שם) וראה לעיל הערה 15.

ס׳איז ידוע וואס דער רמב״ם[32] איז מאריך בנוגע דעם אופן הלימוד מיט א קטן, אז מען דארף אים מזרז זיין „בדב־רים שהם אהובים אצלו לקטנות שניו . . קרא ואתן לך אגוזים כו׳״, ווייל מצד „מעוט שניו וחולשת שכלו אינו מבין מעלת אותו הטוב״.

און דא מאנט מען ביי א קינד, אז אים זאל „אנרירן״ און „דערנעמען״ ועד כדי בכי׳ — ניט טוב גשמי וכיו״ב, נאר — פארוואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים; ד.ה. אז מען דארף מחנך זיין א קינד אז א־געלעכקייט זאל ווערן א „טייל פון זיין לעבן״[32*] („דברים שהם אהובים אצלו״), ביז אז אים זאל שטארק פאראַרן וואס דער אויבערשטער באַ־ווייזט זיך ניט צו אים און אין דעם אופן ווי ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו.

וואלט ניט געווען דער מאורע הנ״ל מיטן רבי׳ן נ״ע — קען מען ניט וויסן צי מ׳וואלט געקענט פועל׳ן אזא גאפיל בא יעדן אידיש קינד, ווארום וויבאלד אז מצד טבעו ציט ער זיך, כנ״ל ברמב״ם, צו דברים גשמיים, דארף מען אים מחנך זיין און מזרז זיין מיט יענע ענינים „שהם אהובים אצלו״:

אבער לאחרי ווי ס׳איז געווען דער מאורע הנ״ל — ובפרט נאך דעם ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערציילט דעם מאורע ברבים און געהייסן אפדרוקן — איז א דבר ברור, אז דערמיט האט מען מגלה געווען, יתרה מזה — פותח געווען א נייעם צינור[33] ודרך בענין החינוך, אז איצט, דורך א חינוך כדבעי,

קען מען איצט[34] פורץ זיין די גדרי הטבע פון אידישע קינדער, און זיי איינ־געוואוינען צו ווערן רוחניות, ביז צו ארויסרופן ביי זיי א תשוקה נפלאה אז דער אויבערשטער זאל זיך צו זיי באַ־ווייזן.

און בשעת מען זעט א אידיש קינד וואס אים ארט ניט וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים — איז עס ניט ווייל ער איז ניט שייך צו דעם, נאר ווייל דער מחנך רעדט ניט בזה קיין דברים היוצאים מן הלב.

ח. ע״ד ווי די הוראה פון דער שאלה ובכי׳ פון רבי׳ן נ״ע איז צו יעדן אידיש קינד כנ״ל בארוכה, אזוי אויך איז מובן, אז דער ענטפער פון צ״צ צום רבי׳ן נ״ע — „אז א איד א צדיק צו ניין און ניינציק יאר איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים״ — איז דאס אן ענטפער — און במילא — שייך צו(ם חינוך פון) יעדן אידיש קינד:

דער פשט אין ענטפער פון צ״צ איז דאך ניט אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן נאר צו אברהם׳ען (ווייל ער האט מחליט געווען צו ניין און ניינציק יאר אז ער דארף זיך מל זיין), אבער אז צו אנדערע ובפרט בדוגמת דעם רבי׳ן נ״ע האט עס קיין שייכות ניט — ווייל דאן האט דער צ״צ געדארפט ענטפערן בקיצור, אז מען קען זיך ניט גלייכן צו אברהם אבינו[35]:

32) בפיה״מ שלו סנהדרין ר״פ חלק. וראה הל׳ תשובה פי׳ ה״ה.

32*) להעיר גם מלקו״ש ח״ו ע׳ 127.

33) כידוע בענין „פתח ר״ש״ וכיו״ב (סה״מ תרע״ח ע׳ רפג. ועוד).

34) ע״ד שמצינו בכמה ענינים — גם להלכה (רמ״א אה״ע סקנ״ו ס״ד. מג״א או״ח סקע״ג סק״א. שו״ע אדה״ז חאו״ח סו״ס קעט (ואף שהוא בענין של סכנה). וראה שד״ח (כרך א׳ ע׳ רי ואילך, כ״י ע׳ קצד). וש״נ) — שנשתנו הטבעים. וראה לקו״ש ח״כ ע׳ 386 ואילך.

35) ובמכש״כ שאפילו למשה נאמר „במקום גדולים — אברהם — אל תעמוד״ (דב״ר פ״ב, ז).





דער טעם הדבר וואס אין גשמיות בקריאה לצבא איז ניט נוגע אזוי די נשמה, און אויב דער גוף איז נאר א געזונטער טויג ער לצבא — איז ווייל אין רוחניות איז אזוי. ווי מ׳האט פריער געדעדט*, אז אויב ער וועט מכוון זיין אלע כוונות אבער בפועל וועט ער די מצוה ניט מקיים זיין — טויג ניט, משא״כ אויב ער וועט מקיים זיין די מצוה בפועל, איז הגם עס פעלט די כוונה, נעמט מען לצבא הוי׳. אבער קיין לן בבית הקברות דארף מען ניט זיין.

בפירוש לן בבית הקברות ברוחניות: אויב אפילו בייטאג איז ער זיך עוסק בתומ״צ, אבער ביינאכט וואס די נשמה איז עולה למעלה לייגט ער אוועק דעם גוף נעכטיקן בבית הקברות, מקום הקליפות, שנק׳ מתים, הרי זה שוטה, וכסימן השני אשר בשוטה שמאבד מה — כח הביטול וקב״ע — שנותנין לו.

ג. עס זיינען פאראן תלמידים וואס גייען אום און טראכטן ווי געפינט מען א עצה מ׳זאל האבן חשק צום לערנען, און קומען בעטן זיי זאלן האבן חשק.

אזוי ווי אין גשמיות/דיקער לקיחה לצבא איז דער עיקר נוגע צי ער איז א געזונטער און מ׳טראכט ניט צי ער האט חשק צי ניט, וואס דערפאר איז דער סדר אז אויב ער איז נאר א געזונטער נעמט מען אים באלד צו, און מ׳פרעגט אים ניט צי ער האט חשק און אויב ער האט נאך ניט זאל ער גיין אהיים אויסשלאפן זיך און וועט ער וועט באקומען חשק זאל ער קומען — אזוי איז אין רוחניות אז ס׳איז ניט נוגע צי ער האט חשק, וואס דאס קומט מצד הנשמה, נאר מ׳דארף טאן מיט קבלת עול. המעשה הוא העיקר.

ד. אין המשך רס״ו רעדט זיך די מעלה פון יגיעת התורה, אז דורך יגיעה קומט מען צו, צו עדן אליין. דארף ער דאך זיין צופרידן אז ער האט ניט קיין חשק צום לערנען, און וועט לערנען מיט יגיעה בקבלת עול.

עס איז ידוע די מעשה אז איינער איז געקומען צו כ״ק אדמו״ר הצ״צ קלאגן זיך אז ער האט ניט קיין חשק צו לערנען, האט אים געענטפערט כ״ק אדמו״ר הצ״צ, איז דאך גוט, וואס זאל איך טאן אז איך האב יא א חשק.

דער לימוד התורה דארף זיין ביגיעה דוקא. ועל פי זה, ער קומט בעטן חשק אויף לערנען, גיט ער דאך אוועק, א גוואלדיקע מעגליכקייט. אז ער האט „זוכה געווען״ און האט ניט קיין חשק, און וויל טאקע שטארק ניט, און גאר שטארק ניט, איז אז ער וועט לערנען מיט קבלת עול און יגיעה וועט ער צוקומען צו עדן, גיט ער אוועק גן עדן און עדן און אלע ענינים, און בעט ער זאל האבן חשק.

*) לקו״ש ח״א ע׳ 33. המו״ל.

## כ׳ מר־חשון

א. אין דעם מאמר פון כ׳ מ״ח (ד״ה סמוכים לעד (פר״ת). מאדמו״ר מוהרש״ב נ״ע) שטייט דער הפרש פון עוזר ביז סומך, אז סומך איז נאר וואס ער שפארט אים אונטער ער זאל ניט פאלן, ע״ד ווי סומך נופלים, און עוזר הייסט אז ער העלפט אים און מאכט א התחדשות ענין. און איז מסיים, אז דער עזר והתחדשות ענין קען זיין אפילו מהתחתון לעליון.

ובנוגע אלינו: מען דארף וויסן אז די הנהגה ווי מ׳פירט זיך אויף איז דאס נוגע אויך דעם רבי׳ן. ווי ס׳איז ידוע די מעשה פון הרי״מ מפאלטאוועע אז ער איז געווען אמאל אויף יחידות ביי דעם רבי׳ן מהר״ש, און דער רבי מוהר״ש האט אים געזאגט אז עס איז פאראן א רבי איז פאראן חסידים, האט ער שפעטער געטראכט ביי זיך, אבער חסידים וואס טוען. אז ווען חסידים זיינען געווען חסידים ואנשי מעשה בעבודה האבן זיי מחזק געווען דעם רבי׳ן[1].

אויף החובל בעצמו שטייט[2] אז הגם ער איז פטור אבער אינו רשאי. החובל באחרים איז אבער חייב, ובפרט אז די אחרים איז א נשמה כללית וכו׳ וכו׳. במילא דארף מען וויסן די אחריות וואס מ׳טראגט אויף זיך.

ב. דער סדר ההנהגה אין בחינות בקריאה לצבא איז, אז דער עיקר איז נוגע דער גוף. נוגע איז די נשמה נאר אויף וויפיל דאס איז נוגע צום גוף, ד.ה. אז אויב די נשמה איז אין אים אויף אזוי פיל אז ער איז ניט פון די וואס לן בבית הקברות וכו׳[3], און דער גוף איז א געזונטער, נעמט מען אים לצבא.

אבער וואס טוט זיך מיט דער נשמה מצד עצמה איז ניט נוגע. אדרבה לפעמים איז תוקפא דנשמתא איז דאס גאר א חסרון. וידוע פסק דין רז״ל[4] המקבל עליו עול תורה — תוקפא דנשמתא, עוז ותושי׳ — מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

אין המקבל עליו עול תורה שטייט ניט קיין תנאי ווען קיבל. דערפאר איז אפילו אויב מ׳האט שוין אפגעשטימט אז אין א טאג צוויי דריי דארף מען גיין איז נאך אלץ קיין ראי׳ והחלט ניט, אויב זיי וועלן מקבל זיין אויף זיך עול תורה כבונת רז״ל, אז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

1) שיחת כ׳ כסלו תרצ״ג ס״ו. וראה ערכין יז, א: דור לפי פרנס או פרנס לפי הדור.
2) ב״ק צ, ב.
3) חגיגה ג, ב.
4) אבות פ״ג מ״ה.





נאר דער פשט איז, אז דאס איז א הוראה ווי אזוי יעדערער קען צוקומען צו „וירא אליו ה׳״, דורך דער החלטה אז אין וועלכן מצב רוחני מען זאל נאר זיין (אפילו ווען מ׳איז א צדיק אין עלטער פון ניין און ניינציק יאר), דארף מען זיך מל זיין, דאס מיינט: מען דארף זיך באווארענען און הארעווען אויף צו אראפנעמען דעם צודעק, דעם העלם והסתר העולם[36].

און דער הרגש איז שייך צו כאו״א מישראל, ווארום כאטש אז אברהם איז געווען „א צדיק צו ניין און ניינציק יאר״ — וואס זיינען געווען „ימין שלמין״[37] בעבודתו ית׳ — ובמילא איז זיין החלטה אז ער דאר״ף זיך מל זיין (זיך באווארענען פון העלם העולם) א פיל גרעסערער חידוש ווי די החלטה פון דעם וואס איז ניט קיין צדיק[38] —

איז אבער ידוע אין דעם ענין פון „פתח״[39], אז נאך דעם ווי איינער האט געהארעוועט אויף א געוויסן ענין און אים ממשיך געווען בעולם, איז ער דער־מיט פותח דעם צינור פאר אנדערע, אז דערנאך קענען אויך זיי דערגרייכן דעם ענין מיט פיל וויניקער יגיעה,

[וועאכו״כ נאך מ״ת, וואס מ׳קען אויפ־טאן דורך א פיל קלענערער און גרינ־גערער עבודה, דאס וואס די אבות האבן אויפגעטאן דורך עבודה ויגיעה גדו־לה[40]].

ט. און דאס איז די הוראה (פון דעם צ״צ׳ס ענטפער) בענין החינוך אויך צו קטנים:

נאך דעם ווי מען רופט ארויס ביים קינד די תשוקה נפלאה אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים, דארף מען אים מסביר זיין, אז דער דרך לזה איז דורך דער החלטה אז מען דארף זיך אלעמאל „מל״ זיין, זיך באווארענען און אראפנעמען דעם העלם והסתר העולם.

ד.ה. מען דארף מחנך זיין א קינד צו ניט נתפעל ווערן פון העלם והסתר העולם — אויף אים זאל ניט פועל זיין וואס „וועלט״ זאגט, נאר וואס תורה וויל; און די החלטה ביי אים זאל זיין אזוי שטארק, ביז „גם כי יזקין לא יסור ממנה״[41] — דאס איז ביי אים אזוי איינגעווארצלט, אז ער געדענקט אלעמאל, אפילו ווען ער איז שוין אין א העכערע און אין א גאר גאר העכערער דרגא אין עבודת ה׳, אז ער מוז זיך „מל״ זיין.

און דאס ברענגט אז שוין בקטנותו זאל ביי אים זיין „וירא אליו ה׳״, וואס דאס באלייכט אים מיט זיין סביבה, אין אן אופן פון „והי׳ ה׳ לך לאור עולם״[42].

יו״ד. כשם ווי רבותינו נשיאינו האבן פותח געווען א צנור חדש בענין החינוך בנוגע „בין אדם למקום״

— אז איצט קען מען מחנך זיין אידישע קינדער צו גלוסטן ענינים פון אידישקייט (ניט צוליב שכר כו׳, נאר)

36) ראה בכ״ז לקו״ש ח״א ע׳ 26. ח״ה ע׳ 87. ע׳ 321 ואילך.
37) זח״א רכד, א. תו״א טז, א. עט, ב. וראה לקו״ש שבהערה הקודמת.
38) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 90. ע׳ 323.
39) ראה לעיל הערה 33. וראה מאמרי אדה״ז הקצרים (ע׳ תסד) — בענין של הבנה והשגה — שהה״מ הי׳ „נוהג כנשפלה לו איזה השגה הי׳ אומרה בפה אף שלא יבינו השומעים . . בכדי להמשיך את ההשגה . . בזה העולם ואזי . . יוכל אחר . . להשיגה״.
40) ראה ד״ה אמרת ה׳ תרצ״ה פ״ג (בסה״מ קונטרסים ח״ב). וראה ד״ה זכור שם רפי״א.
41) משלי כב, ו.
42) ישעי׳ ס, יט.

אין אַן אופן אַז זיי (די ענינים) זאָלן ווערן אַ טייל פון זייער לעבן, ביז אַז עס פאַראַרט זיי עד כדי בכי׳ פאַרוואָס דער איבערשטער באַווייזט זיך ניט צו זיי ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבי־נו —

עד״ז געפינט מען די נקודה אין ענינים שבין אדם לחבירו, און אויך אין אַ סיפור פון בעל יום ההולדת בימי קטנותו[43]:

ווען דער רבי נ״ע איז געווען בן ד׳ שנים, האָט אַמאָל דער שניידער גע־בראַכט אַ בגד וואָס ער האָט גענייט פאַר אמו הרבנית. בשעת מ׳האָט בוחן געווען דעם בגד, האָט דער רבי נ״ע אַרויסגענומען לתומו אַ חתיכת בגד פון דעם שניידער׳ס קעשענע. דער שניידער האָט זיך פאַרשעמט און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן אַז ער האָט פאַרגעסן וועגן דער שטיקל סחורה וואָס איז בײַ אים געבליבן וכו׳.

דערנאָך, אַז דער שניידער איז אַוועק־געגאַנגען, האָט אים אמו הרבנית אויס־גערעדט אַז צוליב אים איז דער שניידער פאַרשעמט געוואָרן. ווען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו זײַן פאָטער (דער רבי מהר״ש) און האָט בײַ אים געפרעגט ווי אַזוי מען קען מתקן זײַן דעם עון פון הלבנת פנים. ווען זײַן טאַטע האָט אים געפרעגט פאַרוואָס פרעגט ער די שאלה, האָט ער געענטפערט אַז ער וויל דאָס וויסן, ניט דערציילנדיק דערבײַ וואָס האָט פּאַסירט.

אַז אמו הרבנית האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט דער־ציילן דעם טאַטן די גאַנצע מעשה, האָט ער געענטפערט: ס׳איז גענוג וואָס ער איז נכשל געוואָרן אין הלבנת פנים, זאָל ער נאָך עובר זײַן אויף רכילות און לשון הרע?!

יא. בהשקפה ראשונה איז ניטאָ קיין „געוואַלד״ בנוגע דער הלבנת פנים וואָס איז דאָ געווען — וואָרום, ווי ער איז מדייק אין סיפור, האָט דער רבי נ״ע אַרויסגענומען די חתיכת בגד „לתומו״, ד.ה. בשוגג[44] [און דערצו נאָך, איז דאָס ניט געווען ברבים[45] — בלויז אמו הרבנית איז דערבײַ געווען] — און פונ־דעסטוועגן, ווי נאָר ער האָט דערהערט אַז דער שניידער האָט זיך פאַרשעמט, האָט דאָס אים שטאַרק דערנומען, ביז צו אַ בכי׳ מרה.

וואָס דאָס באַווייזט דאָך, אַז אים האָט פאַרדראָסן (ניט אַזויפיל וואָס די הלבנת פנים איז געווען דורך אים, אַז אים קומט אַן עונש וכו׳, נאָר) די עצם זאַך וואָס אַ איד איז פאַרשעמט געוואָרן.

און דערפאַר האָט ער אויך ניט גע־וואָלט דערציילן זײַן טאַטן וועגן דעם — הגם דאָס ניט ענטפערן אביו אויף זײַן שאלה קען אפשר אַרײַנגיין אין גדר פון כיבוד אב כו׳: אויך וואָלט דאָך דער דערציילן געווען בלויז צוליב תיקון החטא — ווײַל ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די עצם זאַך אַז עס זאָל זיך ריידן וועגן דעם לא טוב פון אַ אידן (באיזה אופן שהוא).

43) נדפס בחנוך לנער ע׳ 9. ס׳ התולדות שם ע׳ 8.

44) להעיר דחיוב בושת הוא רק במתכוין (משנה ב״ק פו, ב).

45) להעיר שיש דיעה שהלבנת פנים היא רק ברבים (נסמן באנציק׳ תלמודית בערכו (ע׳ רי)).





און ווײַבאַלד אַז מ׳האָט אונז דער־ציילט דעם דאָזיקן סיפור, צוזאַמען מיט דער הדגשה אַז דער רבי נ״ע איז דאַן אַלט געווען פיר יאָר, איז דערפון אַ ראי׳ אַז איצט קען מען מחנך זײַן יעדער אידיש קינד אפילו אין דעם גיל אין אַט דעם אופן.

יב. פון כל הנ״ל איז אויך דער לימוד אויף וויפל ס׳איז דער חוב על כאו״א מישראל צו משתדל זײַן זיך אין ענין החינוך, סיי בנוגע אייגענע קינ־דער

— כפתגם בעל יום הולדת נ״ע הידוע[46]: אַט אַזוי ווי הנחת תפילין בכל יום איז אַ מצוה דאורייתא אויף יעדן אידן, אָן אַ חילוק צי אַ גדול בתורה, צי אַ איש פשוט, אַזוי איז אַ חוב גמור אויף יעדן אידן צו טראַכטן יעדן טאָג אַ האַלבע שעה וועגן דעם חינוך פון קינ־דער, און טאָן אַלץ וואָס עס איז בכוחו צו טאָן און יותר מכפי כחו, זעהן פועל זײַן בײַ די קינדער, אַז זיי זאָלן גיין אין דעם דרך וואָס מען איז זיי מדריך —

סיי בנוגע אַנדערע אידישע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן (מאיזו סיבה שתהי׳) זיי ניט געגעבן אַ חינוך כדבעי, וואָס דאַן ליגט דער חוב על כל חכם וחכם מישראל[47] צו פאַרזאָרגן אַז דער קינד זאָל באַקומען אַ חינוך כדבעי,

און דורך דעם שטעלט מען אויף די „צבאות ה׳״ וואָס וועלן אַרויסגיין פון גלות — בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותנו[48] — דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחות ש״פ וירא, כ״ף מרחשון, תשל״ו ותשל״ז)

**לקו״ש חט״ו ע׳ 129**

46) היום יום ע׳ יג.

47) רמב״ם שם פ״א ה״ב. הל׳ ת״ת לאדה״ז שם ס״ח (ומוסיף: (מ״ע) של תורה). טושו״ע שם ס״ג [ושם — „חכם״ (רק פ״א). ויל״פ כפל לשון הרמב״ם ואדה״ז „כל חכם וחכם״, שכולל בזה כל סוגי חכמים — ע״ד „כל צדיק וצדיק״ שבמשנה סוף עוקצין (וראה תוי״ט שם. ובארוכה שיחת י״ט כסלו תשל״ח — סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 647 ואילך), „איש איש״ דפ׳ אמור (כב, יז. מנחות עג, ב. פרש״י עה״ת שם, כה)] ובכ״מ.

48) בא י, ט.